**A London Girl's Secret by I. A. Lisky.**
**(First published in Yiddish: *Di tsayt*, 1931).**

It was already long past the time when people are released from their daily work, and Grandma Leah's eyes were ceaselessly searching for Sybil. And the more the hour hurriedly advanced towards night, the more worried Sybil's grandmother became. Something frightened her: it was so late, and Sybil wasn't home yet. She mused and brooded, until the noise of the city filled her head and her thoughts began to spin a dark web.

Standing there with her brow framed by a ragged matron's wig, Grandma Leah looked like a transplanted, wilting sheaf of rye that longed to return to its own earth. She used to tell people how she had arrived in London's foggy East End many years ago on old-fashioned wagon drawn by two big horses, but those memories had vanished from the forefront of her mind. They had been stored away in a hidden cell. She no longer thought about all the days, weeks, month and years that had been swallowed up by the great city, like plankton by a huge fish. She wandered about the flat, straining her eyes to catch the slightest movement outside.

By the time Sybil came home, the gas meter was already demanding a second threepenny bit to keep the lights on. Sybil's eyes were weary, like stars covered by clouds. She looked dejected, as if the whole weight of the London streets lay on her shoulders, with all the ancient churches, great prisons, castles, cemeteries, monuments, towers and manifold rare antiquities that were England's greatest pride.

Sybil was strangely silent and looked at her grandmother very gently. She would have liked to draw close to her, sit down beside her and unburden her heavy heart. Her grandmother would have sighed and groaned like only she could. But Sybil spoke no Yiddish, and her grandmother knew only a few words of English. So she remained silent, turning the whole day over in her mind. Her secret remained intact for the time being, and if the London lad who worked with her at the same table making dresses were to ask her once again to take him home and introduce him to her mother, she would again remain silent, take no notice, and lower her eyes.

Grandma Leah handed Sybil something to eat, as pleased to have her back as if she had found a lost treasure.

"Vhy so late? Vot iz de matter?" she asked, mumbling the broken English phrases she knew by heart.

There was so much more she wanted to ask Sybil, but her attention was suddenly taken up by the old family pictures hanging on the damp, dusty walls. She

thought about her daughter, Sybil's mother, who had died a few years ago—a tall, stately woman with pale cheeks and the worried eyes of someone who gladly worked hard for a living despite a whole pack of troubles. She had been her own mistress, sewing underwear for unknown ladies and earning barely enough to meet her daily needs. Sybil's father was a bitter type with sinister eyes. All day long he pushed a cart around, selling old clothes. On his way home he would stay out late, drinking in pubs with his mates. He liked to sit with his legs crossed, pull ten-shilling notes from his inside pocket and bet them on the horses. Afterwards he would shout a lot and count his money, till his thick lower lip suddenly drooped, as if he had committed a great sin. He went on betting and losing money for years, while Sybil's mother sewed and sewed, till she sewed herself to death. Thus Grandma Leah sat ruminating, unable to free her mind from the dismal thoughts, gazing at Sybil with a pair of watery eyes that could have drowned her whole secret.

Days passed and Sybil remained silent. She had no one to tell about her blond boyfriend. At work, she felt his gaze upon her as she sewed, and she seemed to hear him asking:

"Will you introduce me to your mother?"

When work was over they would walk home together at sunset, watching London turn its lights on.

Crowds of people made their way through the blackened streets and houses, now lit up in bright colours, and the night spread its wings over light and shadow. Then once, as they walked together along a London side street, Sybil suddenly felt the brightly illuminated night enfold her in a warm embrace, and her lips broadened in a girlish smile. And once again she managed to get her companion to ask that same question:
"Can I go home with you this evening, darling? Will you introduce me to your mother."

Sybil hesitated no longer. Her secret erupted in a sudden "Yes!" Trembling with excitement, the couple hurried through the quiet dark East End streets till they came to her house. Sybil rapped twice on the knocker of the narrow front door. Together they climbed the  dark staircase and entered the small, dark but homely flat. Sybil looked at her grandma Leah a little strangely. In a damp, broken voice, she said to the blond young man:

"This is my grandmother."

And she burst out crying.

*A London Girl's Secret by I. A. Lisky, translated by Barry Smerin.* From *East End Jews: Sketches from the London Yiddish Press. © Barry Smerin, 2025. Used by permission of Wayne State University Press.*

**Der sod fun a londoner meydl**

**Fun Y. A. Lisky**

***Di tsayt*, 1931**

Di sho vos leyzt oys di mentshn fun zeyer teglekher arbet iz fun lang shoyn geven ergets vayt untervegs. Di bobe leye hot nit oyfgehert zikh umtsukukn di oygn nokh sibeln. Un vos mer di tsayt mit ir gantsn rash hot zikh geshtelt oyf der tzayt fun der nakht, alts mer iz di bobe gevorn umruiker. Epes hot zikh ir harts shtark geshrokn; s'taytsh, azoy shpet un sibl iz nokh nishto. Hot zi geklert un ibergeklert, biz vanen der shtotishe tuml iz ir arayngekrokhn in moyekh arayn un ir gedankn hobn ongehoybn shpinen a shvartse nets.

Di bobe leye, inem opgerisenem sheytl arum shtern, zet oys vi an ibergeflantster, farvyaneter korn velkher laydt un benkt keseyder nokh zayn eygener erd. Tomed dertseylt zi, az mit a sakh yorn tsurik, hot an altfrenkisher emigrantn vagon mit a por groyse ferd zi farfirt aher in der farneplter, londoner mizrekh zayt. Di dozike zikhroynes, vos lign in ir zikorn fun oybn oyf, zaynen farshvundn un hobn zikh bahaltn in a farborgenem kemerl. Zi hot itst mer nit getrakht vegn di ale teg, vokhn, khadoshim un yorn, vos zaynen fun der mekhtiker shtot london farshlungen gevorn, vi vaser-veremlekh fun a rizikn yam fish, nor zi hot zikh arumgedreyt iber der shtub un mit ongeshtrengte oygn oyfgekhapt a yedn sharkh.

Ven der gaz-zeyger hot tsum tsveytn mol gemont dray peniz far balaykhtung, iz sibl aheymgekumen.  Zi hot mitgebrakht a por oygn mate, vi di shterndlekh unter volkns. Epes iz zi geven azoy dershlogn, glaykh vi oyf ire aksln volt gelegn di gantse shverkayt fun di londoner gasn, velkher groysn zikh azoy mit di shtark alte kloysters, groyse shtrof-hayzer, shleser, besalmens, denkmeler, turmes un zeyer a sakh zeltene altkeytn, vos zaynen der grester shtolts funem englender.

Sibl hot epes modne geshvign un batrakht di bobn mit zeyer a veykhn blik. Gern volt zi tsugegangen gants noent tsu der bobn, nebn ir zikh avekgezetst un ir dertseylt fun dem alemen, vos drikt zi azoy shver untern hartsn – un zi filt, az zi volt itst gevolt aza krekhts ton, vi nor di bobe kon. Ken ober sibl nit redn keyn yidish un di bobe farshteyt nor a por verter english. Shvaygt sibl vayter un klert fun a gantsn tog. Ir sod blaybt nokh dervayl gants. Un oyb der londoner bokher, vos arbet mit ir kleydlekh bay eyn tish vet zi vider betn im mittsunemen tsu ir mamen im forshteln far ir, vet zi, sibl, vayter shvaygn, zikh nit visndik makhn un aroplozn di oygn.

Di bobe leye hot derlangt sibln esn un zikh gefreyt mit ir, vi mit a gefunenem shodn.

“Vay so leyt? Vot iz di mater?” hot zi keseyder geshtamlt dem gebrokhenem english, velkhn zi kon oyf oysnveynik.

Di bobe hot gehat nokh zeyer a sakh vos oystsufregn sibln nor plutsem hobn zikh ongehoybn sharn far ire oygn shotns fun alte mishpokhe bilder, vos hengen oyf di faykhte, shtoybike vent. Un grod hot zi zikh dermont in ir tokhter, sibls mame, nokh velkher zi veynt shoyn etlekhe yorn. Zi iz geven eydl un hoykh, mit blase bakn un shtark gereytste oygn – oygn fun a mentsh vos hot shtendik lib tsu horeven untern hartsn a nest mit tsores. Zi iz geven a mises far zikh, geneyt vesh far fremde damen un mitn bisl fardinst irn koym baygekumen di teglekhe badarfenishn. Sibls tate iz geven a biterer yid mit finstere oygn. A gantsn tog flegt er arumshlepn a vegele mit alte zakhn tsu farkoyfn. Biz shpet in der nakht arayn flegt er oysblaybn untervegs in kretshmes mit gute brider. Er hot lib gehat tsu zitsn farlengt a fus oyf a fus un fun dem untershter keshene shlepn di papirene tsen shilinge, zey betn oyf di ferd. Dernokh hot er a sakh arumgeshrign, gerekhnt un arumgeshrign, biz vanen zayn untershte grobe lip hot zikh plutsem aropgelozt, vi nokh a shvere zind. Lang hot er geshpilt un farshpilt un lang hot sibls mame geneyt, zikh oysgeneyt un iz geshtorbn. Azoy hot di bobe geklert un zikh nit gekont bafrayen fun di dozike gedanken. Un oyf sibln hot zi itst gekukt mit a por ongegosene oygn, mit velkhe zi volt avade gekont fartrinken ir gantsn sod.

Azoy zaynen avek a sakh teg un sibl hot geshvign. Zi hot nit gehat vemen tsu dertseyln fun ir blondn yungen man. Bay der arbet flegn zayne blikn keseyder krikhn ir unter der nodl – un epes hot ir geklungen in oyer:

– Vest mikh forshteln far dayn mamen?

Azoy flegn sibls teg zikh tsien biz nokh der arbet. Un, az di zun hot zikh gezetst, flegn zey beyde geyn aheym, un zen vi di shtot london tsint ire fayern.

Gantse khmares mentshn viklen dentsmol zeyer lebn iber shvartse gasn un shvartse hayzer. Oysgeputst in a krants fun farbn kumt on di nakht un shpreyt oys ire fligl iber likht un shotn. Un eynmol ven zey zaynen azoy beyde gegangen oyf a zaytikn vegl fun der tseflamter shtot, hot sibl plutsem derfilt, vi di tsehulyete nakht nemt zikh tulyen tsu ir kerper. Dem dozikn gefil hot zi getrogn oyf ire lipn, velkhe hobn meydlsh geshmeykhlt un s’iz ir itst fun dos nay gelungen bay dem bagleyter aroystsurufn di dozike verter:

- Ken ikh dikh haynt opfirn aheym “darling” vest mikh forshteln far dayn mamen?

Sibl hot shoyn mer nit getsegert un ir sod hot zikh plutsem antplekt mit a – “yo”.

Shnel, shnel zaynen zey beyde mit harts-tsiternish aropgelofn tsu di shtile, tunkele mizrekh geslekh un ergets do hot sibl tsvey mol geklapt mit dem ayzernem

“noker” fun a shmoler tir. Eyner untern andern zaynen zey gegangen oyf finstere trep tsu a shtibl fun alte vent, farviste mit heymishe shotn. Do hot sibl epes modne gekukt oyf der alter bobe leye, un tsu dem blondn yungenman hot zi a zog geton mit faykhte gebrokhene verter:

- Dos iz mayn bobe.

Un zi hot zikh shtark tseveynt.

# דער סוד פון א לאנדאנער מיידעל

(סקיצע)

פון י. א. ליסקי

(ספּעציעל פאר די "צייט").

די שעה וואס לייזט אויס די מענשען פון זייער טעגליכער ארבייט, איז פון לאנג שוין געווען ערגעץ ווייט אונטערוועגס. די באבע לאה, האט ניט אויפגעהערט זיך אויסצוקוקען די אויגען נאך סיבעל'ן. און וואס מעהר די צייט מיט איהר גאנצען רעיש, האט זיך געשטעלט אויף דער זייט פון דער נאכט, אלץ מעהר איז די באבע געווארען אומרוהיגער. עפּעס האט זיך איהר הארץ שטארק געשראקען; שטייטש אזוי שפּעט און סיבעל איז נאך נישטא. האט זי גע-קלערט און איבערגעקלערט, ביז וואנען דער שטאדטישער טומעל איז איהר אריינגעקראכען אין מוח אריין און איהרע געדאנקען האבען אנגעהויבען שפּינען א שווארצע נעץ.

די באבע לאה אינ'ם אבגעריבענעם שייטעל ארום שטערען, זעהט אויס, ווי אן איבערגעפּלאנצטער, פארוויאנעטער קארין וועלכער ליידט און בענקט כסדר נאך זיין אייגענער ערד. תמיד דערצעהלט זי, אז מיט א סך יאהרען צוריק, האט אן אלט פרענקישער עמיגראנטען וואגען, מיט א פּאר גרויסע פערד זי פארפיהרט אהער אין דער פארנעפּעלטער, לאנדאנער מזרח-זייט. די דאזיגע זכרונות, וואס ליגען אין איהר זכרון פון אייבען אויף, זיינען פארשוואונדען און האבען זיך באהאלטען אין א פאחבארגענעם קעמערעל. זי האט איצט מעהר ניט געטראכט, וועגען די אלטע טעג, וואכען, חדשים און יאהרען, וואס זיינען פון דער מעכטיגער שטאדט לאנדאן פארשלונגען געווארען, ווי וואסער-ווערימלאך פון א ריזיגען ים פיש, נאר זי האט זיך ארומגעדרעהט איבער דער שטוב און מיט אנגעשטרענגטע אויגען אויפגעכאפּט א יעדען שארך.

ווען דער גאז-זייגער האט צום צווייטען מאל געמאהנט דריי פּענים פאר באלייכטונג, איז סיבעל אהיים געקומען. זי האט מיטגעבראכט א פּאר אויגען מאטע, ווי די שטערענדלאך אונטער וואלקענס. עפּעס איז זי געווען אזוי דערשלאגען, גלייך זי וואלט אויף איהרע אקסלען געלעגען די גאנצע שווערקייט פון די לאנדאנער גאסען, וועלכע גרויסען זיך אזוי מיט די שטארק אלטע קלויסטערס, גרויסע שטראף-הייזער, שלעסער, בית עולמינ'ס, דענקמעהלער, טורעמעס און זעהר א סך זעלטענע אלטקייטען, וואס זיינען דער גרעסטער שטאלץ פון'ם ענגלענדער.

סיבעל האט עפּעס מאדנע געשוויגען און באטראכט די באבען מיט זעהר א ווייכען בליק. גערען וואלט זי צוגעגאנגען גאנץ נאהענט צו דער באבען, נעבען איהר זיך אוועקגעזעצט און איהר דערצעהלט פון דעם אלעמען, וואס דריקט זי אזוי שווער אונטער'ן הארצען — און זי פיהלט, אז זי וואלט איצט געוואלט אזא קרעכץ טהאן, ווי נאר די באבע קאן. קען אבער סיבעל ניט רעדען קיין אידיש און די באבע פארשטעהט נאר

אַ פּאָר ווערטער ענגליש. שווייגט סיבעל ווייטער און קלערט פֿון אַ גאַנצען טאָג. איהר סוד בלייבט נאָך דערווייל גאַנץ. און אויב דער לאָנדאָנער בחור, וואָס אַרבייט מיט איהר קליידלאַך ביי איין טיש, וועט זי ווידער בעטען איהם מיטצונעהמען צו איהר מאַמען, איהם פֿאָרשטעלען פֿאַר איהר, וועט זי, סיבעל, ווייטער שווייגען, זיך ניט ווייסענדיג מאַכען און אַראָבלאָזען די אויגען.

די באָבע לאה האָט דערלאַנגט סיבעל'ן עסען און זיך געפֿרעהט מיט איהר, ווי מיט אַ געפֿונענעם שאַדען.

— וואַי סאָ לעיט? — ווהאָט איז די מאַטער? — האָט זי כסדר געשטאַמעלט דעם געבראָכענעם ענגליש, וועלכען זי קאָן אויף אויסענווענדיג.

די באָבע האָט געהאַט נאָך זעהר אַ סך וואָס אויסצופֿרעגען סיבלע'ן, נאָר פלוצים האָבען זיך אָנגעהויבען שאַרען פֿאַר איהרע אויגען שאָטענס פֿון אַלטע משפחה בילדער, וואָס הענגען אויף די פֿייכטע שטויביגע ווענט. און גראַד האָט זי זיך דערמאָהנט אין איהר טאָכטער, סיבעל'ס מאַמע, נאָך וועלכער זי וויינט שוין עטליכע יאָהרען. זי איז געווען איידעל און הויך, מיט בלאַסע באַקען און שטאַרק געריצטע אויגען — אויגען פֿון אַ מענש וואָס האָט שטענדיג ליעב צו האָדעווען אונטער'ן האַרצען אַ נעסט מיט צרות. זי איז געווען אַ מיסעס פֿאַר זיך, געניט וועש פֿאַר פֿרעמדע דאַמען און מיט'ן ביסעל פֿאַרדינסט איהרען קוים בייגעקומען די טעגליכע באַדערפֿעניסען. סיבעל'ס טאַטע איז געווען אַ ביטערער איד, מיט פֿינסטערע אויגען. אַ גאַנצען טאָג פֿליעגט ער אַרומשלעפען אַ וועגעלע מיט אַלטע זאַכען צו פֿאַרקויפֿען. ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין פֿליעגט ער אויסבלייבען אונטערוועגס אין קרעטשמעס מיט גוטע ברידער. ער האָט ליעב געהאַט צו זיצען פֿאַרלעגט אַ פֿוס אויף אַ פֿוס און פֿון דער אונטערשטער קעשענע שלעפען די פּאַפּירענע צעהן שילינגע, ווי בעטען אויף די פֿערד. דערנאָך האָט ער אַ סך אַרומגעשריגען, גערעכענט און אַרומגעשריגען, ביז וואַנען זיין אונטערשטע גראָבע ליפּ, האָט זיך פלוצים אַראָבגעלאָזט, ווי נאָך אַ שווערע זינד. לאַנג האָט ער געשפּיעלט און פֿאַרשפּיעלט און לאַנג האָט סיבעל'ס מאַמע געניהט, זיך אויסגעניהט און איז געשטאָרבען. אַזוי האָט די באָבע געקלערט און זיך ניט געקאָנט באַפֿרייהען פֿון די דאָזיגע געדאַנקען. און אויף סיבלע'ן האָט זי איצט געקוקט מיט אַ פּאָר אָנגעגאָסענע אויגען, מיט וועלכע זי וואָלט אַחדאי געקאָנט פֿאַרטרינקען איהר גאַנצען סוד.

אַזוי זיינען אַוועק אַ סך טעג און סיבעל האָט געשוויגען. זי האָט ניט געהאַט וועמען צו דערצעהלען פֿון איהר בלאָנדען יונגען מאַן. ביי דער אַרבייט פֿליעגען זיינע בליקען כסדר קריכען איהר אונטער דער נאָדעל — און עפּעס האָט איהר געקלונגען אין אויער:

— ווערסט מיך פֿאָרשטעלען פֿאַר דיין מאַמען?

אַזוי פֿליעגען סיביל'ס טעג זיך ציהען ביז נאָך דער אַרבייט. און, אַז די זון האָט זיך געזעצט, פֿליעגען זיי ביידע געהן אַהיים, און זעהען, ווי די שטאָדט לאָנדאָן צינדט איהרע פֿייערען.

גאַנצע באַמאַרקעס מענשען וויקלען
רענסטמאַל זייער לעבען איבער
שוואַרצע גאַסען און שוואַרצע הייזער.
אויסגעפּוצט אין אַ קראַנץ פון פאַר-
בען, קומט אָן די נאַכט און שפּרייט
אויס איהרע פליגעל איבער ליכט
און שאָטען. און איינמאָל ווען זיי זיי-
נען אַזוי ביידע געגאַנגען אויף אַ זיי-
טיגען וועגעל פון דער צופלאַמטער
שטאָדט, האָט סיבעל פלוצים דער-
פיהלט, ווי די צוהוליעטע נאַכט
נעהמט זיך טוליען צו איהר קערפּער.
דעם דאָזיגען געפיהל, האָט זי גע-
טראָגען אויף איהרע ליפּען, וועלכע
האָבען מיידעליש געשמייכעלט און
ס'איז איהר איצט פון דאָס ניי געלונ-
גען ביי דעם באַגלייטער אַרויסצורו-
פען די דאָזיגע ווערטער:

— קען איך דיך היינט אָנפיה-
רען אַהיים "דאַרלינג?" ווערסט מיך
פאַרשטעלען פאַר דיין מאַמען?

סיבעל האָט שוין מעהר ניט געצאַ-
גערט און איהר סוד האָט זיך פלוצים
ענטפּלעקט מיט אַ — "יאָ!"

שנעל, שנעל זיינען זיי ביידע מיט
האַרץ-ציטערניש אַראָבגעלאָפען צו
די שטילע, טונקעלע מזרח געסלאַך.
און ערגעץ דאָ האָט סיבעל צוויי
מאָל געקלאַפּט מיט דעם אייזערנעם
"נאָקער" פון אַ שמאָלער טהיר. איי-
נער אונטער'ן אַנדערען זיינען זיי
געגאַנגען אויף פינסטערע טרעפּ צו
אַ שטיבעל פון אַלטע ווענד, פאַר-
ווישטע מיט היימישען שאָטען. דאָ
האָט סיבעל עפּעס מאָדנע געקוקט
אויף דער אַלטער באָבע לאה, און צו
דעם בלאָנדען יונגענמאַן האָט זי אַ
זאָג געטהון מיט פייכטע געבראָכענע
ווערטער:

— דאָס איז מיין באָבע.

און זי האָט זיך שטאַרק צואוויינט..